בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס ל"ח, בהר (אמור בחו"ל), תשע"ט

# תוכן השיעור


'לקדושים אשר בארץ המה'

"לייגט איהם אראפ אויף מיר"...

'פקידת עקרות'

"פאר דיר האב איך גע'פועל'ט"...

'עז פנים לגיהנם'

'והחי יתן אל לבו'

'יזכיר לו יום המיתה'...

'ואני תפלה'

'סתים וגליא'

'הצנע לכת'

'נר תמיד'

"כ'האב געקענט מאכן בעסער"!

"וואו נעמט מען נאך א ליכטעלע"?!

'כי אתה תשלם לאיש כמעשהו'

'זה ישועתו'

'גזיזי דברדא'


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל

אירופה; **033-03900485** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 38


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $10 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# ~ פרשת שמיני (ג'), תשל"ד ~

(טייפ מס' 29#)

## 'לקדושים אשר בארץ המה'

(בתוך שיחה שרבי אברהם ב"ר נחמן החמיר על עצמו שלא לעבור סמוך לקברים של סתם בני אדם [עי' סוף קונטרס טעם זקנים - ל"ז], ואח"כ נסובה השיחה אודות קבר מוהרנ"ת זצ"ל וסגולתו. מכיון שהתחלת השיחה כאן אינה ברורה, השלמנו מקונטרס טעם זקנים כ' - ואתחנן תשמ"א).

(השואל; ביי ר' נתן'ס ציון איז רבי אברהם ר' נחמן'ס געווען?) **יא, אוודאי!**[א] **ביי רבי נתן'ען האט יעדער איינער געקענט זיין, דער ציון איז געווען באלד ווי מען איז אנגעקומען, באלד ביים אנהויב!** (ולא היו צריכים לעבור דרך שאר קברים).

**דאס האט דאך געטוהן דער "רבי נתן ר' לייב'לע ראובן'ס"!**

**"רבי אהרן דער רב" האט באשטעלט א פלאץ פאר זיך מיט רבי נתן'ען אינמיטן דעם פעלד, [איך בין געווען ביי רבי אהרן'ען אויפ'ן פעלד, ער ליגט לעבן רבי הירש לייב'ן** (בנו וממלא מקומו ברבנות עיר ברסלב) **- לעבן זיין זוהן], דארטן האט ער באשטעלט א פלאץ פאר זיך און פאר רבי נתן'ען.**

**אז ער** (ר' נתן ב"ר לייב'לע ראובן'ס) **האט געהערט פון רבי נתן'ען, ווי רבי נתן האט געזאגט; "אז מען וועט דורכפירן א נפטר דורך איהם, וועט דאס איהם זיין א טובה"! האט רבי נתן ב"ר לייב'לע ראובן'ס געזאגט; "אז רבי נתן וועט ליגן אינמיטן פעלד, וועט מען דאך נישט דורכפירן יעדן נפטר דורך רבי נתן'ען, אבער אז ער וועט ליגן אנהויב פעלד, וועט מען מוזן דורכפירן יעדן נפטר דורך רבי נתן'ען"!**

**אז ער האט דאס געהערט** (ממוהרנ"ת)**, איז ער געגאנגען באלד** (תיכף במוצ"ש) **– – רבי נתן איז נפטר געווארן פרייטיג פארנאכט, עס איז נאר געווארן 'הבדלה' - איז ער שוין אוועק מיט די חברה קדישא,** (ואמר להם) **"אט דא גראבט אויס א קבר"!**

---

[א] עי' ספר ביאור הליקוטים בהשמטות בסופו, ד"ה ארץ ישראל, מה שבא אצלו במוחו ענין נורא בהיותו בברסלב על ציון מוהרנ"ת זיע"א.

**פון איהם איז דאך דא די בריוון - פון טבריא** (ספר "נתיב צדיק" - "מכתבי רבי נתן ב"ר יהודה"), **ער איז געווען א איד א גדול פון אונזערע לייט.**

**האט "רבי אהרן דער רב" געזאגט; "איך וועל איהם נישט מוחל זיין, נישט בעלמא הדין, נישט בעלמא דאתי! ער האט צוגענומען ביי מיר אַן אמת'ן חבר"! - - -**

(ע"כ הושלם עפ"י שיעור מפרשת ואתחנן שנת תשמ"א)

## - - - "ער האט צוגענומען ביי מיר אן אמת'ן חבר"!

**אזוי ווי מען קומט אָן** (לבית העלמין בברסלב), **מוז מען אדורכגיין דורך רבי נתן'ען!** (-הציון שלו)**!**

**איז מה-דאך אז מען פירט דורך א 'נפטר' איז א טובה – א 'לעבעדיגן' איז דאך אוודאי א טובה! א לעבעדיגער גייט צו, איז דאך אוודאי א טובה!**

**ביי א נפטר איז א טובה פון 'עלמא דאתי', אבער א לעבעדיגער איז אן אנדער טובה!** (- בין בעולם הזה ובין בעלמא דאתי).

(השואל; די קללה פון רבי אהרן'ען האט עפעס געשאדט?) **ער האט נישט געשאלטן, ער האט געזאגט אז "ער איז נישט מוחל".**[ב]

**ער איז געווען א הויכער סארט מענטש, אה אה!** (- רבי נתן ר' לייבעלע ראובנ'ס), **אין די צייטן פון די מחלוקת האט ער געגעבן א פלייצע פאר רבי נתן, א משיבת נפש!** (ר' נחמן בורשטיין; ער איז געווען פון די פינעף?)[ג] **ער איז געווען, אה! א געוואלדיגער תקיף געווען!**

*

[ב] מחמת שהיה יקר אצלו כל דיבור של מוהרנ"ת והבין כי כן היה רצונו, על כן לא חש לקפידת הרב ז"ל. (שיש"ק - רל"י)

[ג] חמשה התלמידים שנשארו דבוקים במוהרנ"ת בריש גלי בעת המחלוקת, כפי משמקובל בין אנ"ש היה זה עפ"י המראה שחזה רביז"ל המבואר בחיי מוהר"ן אות צ"א. עי' כל זה בשיש"ק ח"ה אות ע"ג, ובקונטרס טעם זקנים י"ד - פרשת נשא תשל"ד.

# "לייגט איהם אראפ אויף מיר"...

איך בין געווען דארטן ביי רבי נתן'ען כמה פעמים, ליגט לעבן רבי נתן'ען "רבי דוד צבי",[ד] ער איז נפטר געווארן סך הכל א יאר איידער איך בין געקומען, תרע"ג איז ער נפטר געווארן.

האב איך א פרעג געגעבן; "וואס עפעס איהם? מען האט דאך געקענט לייגן רבי נתן'ס קינדער דערלעבן? 'רבי נחמן' (בן מוהרנ"ת) ליגט דאך אין ברסלב, האט מען נישט געלייגט דארט נאר איהם? נאר איצטער א יאר פריער האט מען געלייגט אן אייניקל - ר' שכנא'ס (בן מוהרנ"ת) א זוהן"?!

האט מען מיר געענטפערט אזוי; ביי דעם קבר האט מען קיינעם נישט געוואלט לייגן, מען האט געוואלט אז ווען מען קומט צו רבי נתן זאל מען קענען שטיין ארום און ארום, אז עס וועט ליגן א קבר וועט מען נישט קענען שטיין ארום און ארום! נאר וואס דען - דא איז געשטארבן דער רב פון שטאט, און ער איז געווען א מתנגד אויף אונז גאר, און די חברה קדישא האבן געוואלט איהם לייגן לעבן רבי נתן'ען, איז געווען איינער א חסיד אונזערער, א פראסטער מענטש, נאר ער איז זייער געווען א 'חסיד', ער איז געוואויר געווארן אז זיי ווילן לייגן דעם רב לעבן רבי נתן'ען, און מען האט שוין אויסגעגראבן דעם קבר, איז ער ארויף אויפ'ן פעלד און איז אריין אין קבר, ער האט זיך אוועקגעלייגט, ער האט זיך אויסגעצויגן, ער ליגט אין קבר! "לייגט איהם אראפ אויף מיר! אויף מיר לייגט איהם אראפ"! ער שרייט!

נו, וואס קען מען טוהן?! איינער פון אונזערע לייט, א פראסטער - אבער ער איז געווען א תקיף, אויסגעצויגן זיך אין קבר; "לייגט איהם אראפ אויף מיר"! קען מען דעם מענטשן ארויסשלעפן?!

מען האט דעם קבר צוגעדעקט, דעם קבר מוז מען דאך צודעקן.[ה]

אז מען האט אזעלכעס געזעהן, נאכדעם, אז ער (ר' דוד צבי הנ"ל) איז נפטר געווארן שפעטער, האט מען שוין איהם געלייגט לעבן רבי נתן'ען, ער איז א גדול געווען! דער

---

[ד] בנו של רבי שכנא בן מוהרנ"ת, כמבואר להלן בהמשך.

[ה] על פי ספר חסידים - צוואת רבי יהודה החסיד אות ב'.

פאטער פון "רבי נחמן נעמירוב'ער", אונזער בעל תפילה, רבי שכנא'ס א זוהן! (ר' שכנא בן מוהרנ"ת).

רבי שכנא האט געהאט א זוהן "רבי הירץ" - ר' אברהם'ס (שטערנהארץ) פאטער, און ער (ר' שכנא) האט געהאט א זוהן "ר' דוד צבי" - ר' נחמן חזן'ס פאטער, און ער (ר' שכנא) האט געהאט א זוהן "נחמן", "נחמן ר' שכנא'ס" - ער איז געווען גאר עפעס, אה אה, געוואלדיג געוואלדיג!

(ר' נחמן בורשטיין; רבי אברהם ר' נחמן'ס ברענגט איהם, "שמעתי מר' נחמן ב"ר שכנא" וועגן ראש השנה),[ו] יא יא!

*

ביי אונזערע לייט איז געווען מענטשן מיט מסירות נפש, מיט א געפיל, מען וואלט איהם וועגן געקענט הרג'נען אויך - דעם דאזיגן! (שהעיז פניו נגד הרב הנ"ל, אבל היה חזק בדעתו ואמר); "ווילסט מיר הרג'ענען - הרג'ע שוין"!

ער זאגט "ניין" איז ניין! "דו קענסט מיך הרג'ענען! מען וועט לייגן א רב אויף א גע'הרג'עטן מענטש"!... שוין.

ער פלעגט מאכן אסאך געלט און שיקן קיין אומאן, צוטיילן צווישן די ארימע לייט - דער איד!

(השואל; ווי אזוי האט ער געהייסן?) די חברה קענען איהם, יוחנן (גאלאנט ז"ל) געדענקט איהם, איך האב פארגעסן ווי אזוי ער האט געהייסן.

ער פלעגט מאכן געלט, און שיקן אלע חודש געלט קיין אומאן צו צוטיילן!

ער איז געווען א פראסטער מענטש, נאר דער געפיל זיינער איז געווען אזוי גרויס, געפאלן אויף א געדאנק - זיי האבן שוין אויסגעגראבן א קבר, מען מאכט די לויה, און ער ליגט אויסגעצויגן אין קבר!

---

[ו] כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת אות ד'; שָׁמַעְתִּי מֵר' נַחְמָן בְּן ר' שַׁכְנָא זַ"ל שֶׁשָּׁמַע לְעִנְיַן נְסִיעַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ', וְהַיּוֹצֵא מִדְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁכָּל נְסִיעָה וּנְסִיעָה שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד יִהְיֶה לָהּ חֵלֶק בְּקֵץ הַגְּאוּלָה.

נאר אז ער האט אזוי געזאגט, האבן שוין אונזערע מענטשן אויך אזוי געזאגט, זיי האבן דאך אויך נישט געהאלטן דערפון, ער איז דאך געווען א מתנגד – לייגן דעם רב לעבן רבי נתן'ען?! האט מען איהם שוין געלייגט אויף אן אנדער פלאץ!

(ר' נחמן בורשטיין; עס שטייט דאך אז מען זאל נישט לייגן א שונא לעבן איינעם וואס זיי האבן בחייהם נישט געהאט קיין שלום),[ז] **אוודאי נישט, אוודאי נישט!**

*

(ר' נחמן בורשטיין; וואס איז געשטאנען אויפגעשריבן אויף רבי נתן'ס ציון?) **גארנישט!** מיינע צייטן איז געווען אזוי, די איצטיגע שטייט יא עפעס – מיינע צייטן איז גארנישט געשטאנען, ס'איז נאר געווען א כדור פון צעמענט, קיילאכיג אזוי, מער נישט, גארנישט!

(השואל; אן 'אוהל' אויך נישט? "רבי נתן מברסלב" איז נישט געשטאנען?) **גארנישט!** מען האט געוואוסט אז דאס איז רבי נתן'ס ציון!

איך ווייס נישט ווי אזוי היינט איז, ארום אין ארום אזוי א כדור, אזוי ווי דער ציון פון רבי שמעון'ען, מער נישט! ביי די זייטן איז געווען - דאכט זיך - פיר עמודים. היינט ווייס איך נישט, היינט זאגן זיי אז ס'שטייט יא...

ביי 'רבי אהרן דער רב' איז אויך נישט געשטאנען גארנישט, ער ליגט מיט 'רבי הירש לייב דער רב' אינמיטן פעלד, אויך געווען אזוי - עמודים מיט א דעכל פון אויבן - אזוי איז געווען די צוויי, 'רבי הירש לייב דער רב' מיט 'רבי אהרן דער רב', איינער לעבן אנדערן! און ער (ר' אהרן) האט געמאכט אז דיביידע זאלן זיין ער מיט ר' נתן'ען! (לכתחילה כנ"ל).

*

(השואל; ווי קומט אין ברסלב א אנדער רב? פארוואס איז געווען דער אנדערער רב?) **דאס איז** געווען שוין אין די לעצטע צייטן.

'רבי חיים' (אב"ד ברסלב, בן רבי הירש לייב בן "רבי אהרן דער רב") **איז נפטר געווארן, און** אונזערע לייט האבן געוואלט ס'זאל בלייבן א רב, פון רבי חיים'ען איז נישט געבליבן

---

[ז] ספר חסידים - צוואת רבינו יהודה החסיד, אות א'.

קיין קינדער וואס זאל זיין א רב, און דער 'טשעהרינער רב' (שהיה אחיו של רבי חיים) איז דאך געווען רב אין טשעהרין, האט זיך אריינגעכאפט א פרעמדער רב (אין ברסלב).

מען האט אראפגעבראכט א רב, 'רבי מרדכי סוקולוב'ער'[ח] האט זיי געשיקט דעם רב, זיי האבן איהם געשריבן אז זיי ווילן ס'זאל בלייבן א רב פון אונזערע לייט (בברסלב), האט ער געשיקט א רב פון זיינע מענטשן, א רב פון פוילן, א גרויסער לערנער, און ער איז געווארן רב אין ברסלב.

ער האט געקענט אסאך לערנען (השואל; א ברסלב'ער?) ניין, (ר' מרדכי סוקולוב'ער) האט געמיינט אז ער איז א ברסלב'ער, מען האט געהאט פון איהם צרות...

זיי האבן געמיינט א רב, אז ס'זאל בלייבן אויפ'ן רבי'נס נאמען א רב!

*

דער טשעהרינער רב איז ארויס קיין טשעהרין, ווייל ס'איז געווען פריער דעם רבי'נס רב - "רבי שמואל יצחק פון טשעהרין"[ט] איז נפטר געווארן, מען האט געוואלט ס'זאל בלייבן א רב, מען האט געוואוסט אז ס'איז דא אזא מין רב "רבי נחמן", האבן זיי געהאט א רב טאקע דארטן אין טשעהרין (מאנ"ש).

נאכדעם איז געווארן דער זוהן "רבי חיים" (בן הרב מטשעהרין), איז געווען אלע יארן א רב פון אונזערע לייט, ביז ס'איז נעבעך חרוב געווארן טשעהרין. ער ליגט אין קרימענטשאק, ער איז געווען רב - ממלא מקומו - "רבי חיים".

באזונדער איז געווען דער 'ברודער' רבי חיים (אחיו של רבי נחמן אב"ד טשעהרין), ער איז געווען רב אין ברסלב!

(ר' נחמן בורשטיין; דער טשעהרינער רב האט איהם דאך מקנא געווען) יא, ער האט געזאגט; "לערנען קען איך, נאר א 'חסיד' האב איך א ברודער"!

ער איז אויך א גרויסער למדן געווען - רבי חיים, "נאר א חסיד האב איך א ברודער".

---

[ח] מחשובי אנ"ש בפוילן.

[ט] ר' שמואל יצחק ראזנפעלד זצ"ל אב"ד טשערין, מגדולי תלמידי רביז"ל.

ער איז א געוואלדיגער מענטש געווען רבי חיים, איז ער געווען "ברסלב'ער רב", און ווען ער איז געווען רב איז געווען גאנץ פיין.

(ר' נחמן בורשטיין; און ווער איז געווען עלטער? ר' חיים צו ר' נחמן?!) דאס ווייס איך נישט, ווייזן ווייזט אויס אז טשעהרינ'ער רב איז געווען עלטער, טשעהרינער רב האט געהייסן נאכן רבי'ן, (ר' חיים נאכ'ן שווער של ר' הירש לייב, ר' חיים שרה'ס).

(השואל; פארוואס איז דער טשעהרינער רב נישט געווארן רב און ברסלב?) ער איז געווארן רב אין טשעהרין נאך אסאך יארן פריער, ווען רבי נפתלי (תלמיד רביז"ל) האט נאך געלעבט, רבי נפתלי האט איהם דאך פארטראטן אז ער זאל ווערן רב דארטן.

און דעמאלטס האט נאך געלעבט "רבי הירש לייב דער רב" (אביו של רבי נחמן אב"ד טשעהרין), "רבי הירש לייב" איז נפטר געווארן תרכ"ח אדער תרכ"ט, און דער טשעהרינער רב איז געווארן רב אין טשעהרין נאך אסאך יארן פאר תר"כ (- שנת הסתלקות ר' נפתלי), רבי נפתלי האט נאך געלעבט, רבי הירש לייב האט נאך געלעבט, און ווען רבי הירש לייב איז נפטר געווארן - איז רבי חיים געווארן רב נאכ'ן פאטער אין ברסלב.

דער טשעהרינער רב איז דאך שוין געווען דארטן (אין טשעהרין), ער (- רבי הירש לייב בעצמו) האט דאך אויך מסכים געווען אז ער זאל זיין אין טשעהרין, איז ער שוין געווען א רב דארטן, איז געווארן רבי חיים 'רב' (- אין ברסלב).

*

(ר' נחמן בורשטיין; אויף רבי נפתלי'ס ציון איז מען געגאנגען?) איך בין עפעס איינמאל געווען - אדער צוויי מאל געווען - אויף זיין ציון. (הנ"ל; אויפ'ן נייעם פעלד אין אומאן?) אוודאי!

ווי האט מען געקענט צוגיין?! ארום און ארום איז געווען פול מיט קברים, קברים! אז מען האט געוואלט האט מען זיך צוגעפאקט דארטן.

זיי ליגן פון פארנט - רבי נחמן טולטשינער ליגט פון פארנט, און רבי יוסף יונה (בן מוהרנ"ת) ליגט אויך אין אומאן. (הנ"ל; רבי יוסף יונה ליגט אין אומאן? ווי קומט ער דארט?!) איך ווייס נישט, ער ליגט אין אומאן!

און "רבי נחמן חיה'לעס" (בנו של מרת חיה בת רביז"ל) ליגט אין אומאן, זיי ליגן אלע אין אומאן, ער (רבי נחמן חיה'לעס) האט געוואוינט אין אומאן סוף ימיו.

ביי רבי יוסף יונה'ען שטייט "פה נטמן רבי יוסף יונה", און עס שטייט דער נאמען פון רבי נתן'ען (אביו).

(השואל; רבי נתן'ס קינדער "רבי נחמן" און "רבי יוסף יונה" - איר האט געזאגט אז זיי האבן געלערנט א גאנצן טאג, זיי האבן נישט געארבעט, וואו האבן זיי געלערנט א גאנצן צייט?) **ס'איז געווען דער קלויז, רבי נתן'ס קלויז אין ברסלב.**

(השואל; וואו ליגן די אנדערע ר' נתן'ס קינדער, "רבי שכנא", "רבי דוד צבי"?) **אלעס אין ברסלב! "רבי יצחק" ליגט אין צפת. אבער רבי נחמן, רבי שכנא, רבי דוד צבי - זיי ליגן אלע אין ברסלב!** (אחד הנוכחים; אין צפת ווייסט מען נישט ווי דארטן ער ליגט! ר' נחמן בורשטיין; דער בלעטל - של הפנקס הישן מהחברה קדישא - איז אויסגעריסן דארטן!).[ז]

*

(השואל; ווען איז רבי נחמן פון טשעהרין געווארן רב, ווי אלט איז ער געווען?) **ווען רבי נתן איז נפטר געווארן איז רבי נחמן אלט געווען "זעכצן - זיבעצן יאר", רב איז ער געווארן שפעטער, ביי "פינעף - זעקס און צוואנציג יאר".**

(ר' נחמן בורשטיין; דער טשעהרינער רב איז געבוירן געווארן תק"פ - תקפ"ד?) **אזוי האב איך געהערט, אז ער איז אלט געווען "זעכצן, זיבעצן, אכצן יאר" ווען רבי נתן איז נסתלק געווארן! רבי נתן איז נסתלק געווארן תר"ה, איז ער געבוירן געווארן אין די פֵּא'ען, אין די סוף פֵּא'ען.**

*

# 'פקידת עקרות'

**"רבי הירש לייב דער רב" האט נישט געהאט קיין קינדער 'ניין יאר' צייט, און רבי הירש לייב האט איר געזאגט; אז ס'וועט זיך ענדיגן די צעהן יאר, גיבט ער איר א 'גט'! אזוי האט "ר' הירש לייב דער רב" איר געזאגט.**

**נו, זי האט געוואוסט אז זי האט אזא מאן, אזא צדיק, איז זי אריינגעגאנגען צו רבי נתן'ען, און זי האט פאר איהם געוויינט "אזוי זאגט ער, אז ס'וועט זיך ענדיגען די**

[ז] מקום המדוייק של חלקת קברו - על יד הבית יוסף ז"ל - לא היתה ידועה עד לשלהי שנות התש"ל, שאז נמצאה חלקת הקבר עם המצבה, ע"י השתדלות אנשי שלומינו. (שיש"ק).

**צעהן יאר גיבט ער איר א 'גט'"! זאגט רבי נתן; "אזוי זאגט ער"?! נו, "ער וועט דיך נישט גט'ן"!**

**זי פלעגט קומען פריער אויך צו רבי נתן'ען, נאך פריער פאר די ניין יאר, האט ער געזאגט, "דער אויבערשטער העלפט ווייטער"!** (כי אז לא אמר בפסקנות כל כך)**. אבער אז ס'איז שוין די צענטע יאר, "אזוי זאגט ער?! נו, ער וועט דיר נישט גט'ן"!**

**נו, האט ער שוין געוואוסט אז ער וועט האבן קינדער, האט ער שוין געהאט די צוויי צדיקים, "רבי חיים דער רב"** (מברסלב)**, און דער "טשעהרינער רב", און ער האט געהאט - דאכט זיך מיר - א טאכטער אויך, אזוי האב איך געהערט, ער האט געהאט א טאכטער אויך.**

*

**ביי רבי נתן'ען איז געווען - זי** (זוגתו) **"רבי דוד צבי'ס" טאכטער,[יא] איז געווארן קראנק, אין די פֵּא'ען איז זי געווארן קראנק, "רבי יודל"[יב] איז געווען אין ברסלב, איז זי אריינגעגאנגען צו רבי יודל'ען - רבי נתן'ס בני בית, און זי האט אנגעהויבן צו וויינען פאר איהם אז זי איז קראנק! זי איז קראנק! רבי יודל האט איר גארנישט געענפערט.**

**נאך וואס זי איז ארויסגעגאנגען, האט זיך אנגערופן רבי יודל; "רבי נתן דארף נאך האבן צוויי קינדער"! אזוי ווי איינער זאגט; "מוז זי אוועקגיין, רבי נתן דארף נאך האבן צווייי קינדער"!**

**האט ער געהאט "רבי נחמן" מיט "רבי יוסף יונה" - פון זיווג שני האט ער געהאט די צוויי קינדער!**

*

[יא] ה"ה הגאון המפורסם רבי דוד צבי אויערבאך זצ"ל, שהיה מכונה ע"י בני דורו "דער גרויסער ר' דוד צבי", רב ואב"ד המחוזות שאריגראד, קרעמיניץ, מאהילוב ועוד.

[יב] רבי יודל מ'דאשוב, אב"ד מעדוועדיווקע, מגדולי תלמידי רביז"ל.

# "פאר דיר האב איך גע'פועל'ט"...

(ר' נחמן בורשטיין; "רבי הירש לייב דער רב" איז דאך געווען אן איידעם ביי "רבי חיים שרה'ס")[יג] **יא יא, דערפאר האט ער געגעבן רבי חיים'ען א נאמען נאכ'ן שווער!**

**"רבי חיים שרה'ס" איז געווען פון רבי'נס מענטשן.**

(ר' נחמן בורשטיין; דער טשעהרינער רב שרייבט אין די צוואה זיינע **"והיה מתענה שני פעמים משבת לשבת בכל שנה - בפקודת רבינו ז"ל"!)**[יד] **אזוי? אזוי שרייבט ער?!** (הנ"ל; **"פרשת כי תצא ופרשת כי תבא"**. און ער האט געזעהן דעם רבי'ן אין חלום פאר די פטירה!).

**מיט "רבי חיים שרה'ס" איז געווען די מעשה מיט'ן בעל שם, אז ער איז געפארן צוזאמען מיט'ן רבי'ן קיין מעזיבוזש, און דער רבי האט געזאגט; "פאר דיר האב איך גע'פועל'ט - פאר מיר נישט"!**[טו] **דאס איז געווען רבי חיים שרה'ס.**

*

**דער רבי האט דעמאלטס גערעדט א שיחה, דער רבי האט גערעדט א פארכטיגע שיחה, און דער רבי האט זיך אנגערופן נאך די שיחה, "דער בעל דבר איז אזוי גרוים; דער מלאך המות שטייט איהם אונטער די פלייצעס, און ער טראכט נאך דארטן** (- מעניני עולם הזה)**"!**

**איז אויף יעדעם איינעם געפאלן א פחד - ווען דער רבי האט די ווערטער געזאגט, נאר רבי חיים שרה'ס - אויף איהם איז געפאלן נאכמער פחד, ער האט זיך עפעס געפילט מער אז אויף איהם** (מכוון רבינו)**, זענען אלע ארויסגעגאנגען פונעם רבי'ן, און ער איז געבליבן, "פארוואס ביסטו געבליבן"? פרעגט דער רבי, זאגט ער "איך וויים אז די רבי האט מיר געמיינט"! נו, "איך האב טאקע דיר געמיינט"!**

---

[יג] מתלמידי רביז"ל, עי' להלן.

[יד] עי' צוואת הרב מטשעהרין ז"ל - אצל יחוס משפחתו, מודפס בס' כוכבי אור; ... **וְהָיָה אִישׁ כָּשֵׁר מְאֹד וּמְקֹרָב לְרַבֵּנוּ זַ"ל רַבִּי נַחְמָן מִבְּרַסְלֶב זַ"ל, וְיֵשׁ בָּזֶה סִפּוּרִים הַרְבֵּה וְאֵין כָּאן מְקוֹמָם, וְהָיָה מִתְעַנֶּה שְׁנֵי פְּעָמִים מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת בְּכָל שָׁנָה, הַיְנוּ פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא וּפָרָשַׁת כִּי תָבֹא בִּפְקֻדַּת רַבֵּנוּ זַ"ל שָׁנִים הַרְבֵּה, וּבִמְסִירוּת נֶפֶשׁ עָצוּם מְאֹד, וּמֵעִנְיַן הָאַחֲרוֹן וּפְטִירָתוֹ יֵשׁ סִפּוּר נִפְלָא, וְאֵיךְ שֶׁרָאָה רַבֵּנוּ בַּחֲלוֹם וְכוּ'** ...

[טו] עי' כל הסיפור בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות מ"ג, ואות מ"ו.

איז ער געפארן קיין מעזיבוזש (ר' חיים עם רביז"ל), דעמאלטס איז געווען דעם רבי'נס קינד שלאַף, "אז איך וועל בעטן פאר מיר וועל איך שוין בעטן פאר דיר אויך"!

איז ער געפארן מיט'ן רבי'ן קיין מעזיבוזש, דער רבי איז צוגעגאנגען צום בעל שם הקדוש'ס ציון, און האט דערנאך געזאגט, "פאר דיר האב איך גע'פועל'ט – פאר מיר נישט"!

ווען דער רבי איז געקומען אהיים, איז שוין דאס קינד נפטר געווארן אויפ'ן וועג, און דער רבי איז געזעצן שבעה - נישט אין ברסלב, נאר אין עפעס א דארף פריער, איז שוין רבי חיים געווען מיט'ן רבי'ן, דער רבי זאל זיצן אליין ביי די שבעה?! איז רבי חיים געווען מיט'ן רבי'ן!

*

דעמאלטס איז געווען די מעשה דארטן ביינאכט, דער רבי האט זיך אויפגעכאפט ביינאכט מיט אזא אימפעט, אינמיטן נאכט ארומגעלאפן דארטן אין גארטן צווישן די בוימער, מאוים'דיג שטארק, איז רבי חיים געווארן דערשראקן זייער, דער רבי לויפט ארום אזוי מאוים'דיג?!

דער רבי האט איהם נאכדעם געזאגט; מארגן דארף זיין די חתונה פון 'חיים פייעס' און 'דער זיידע' (- הבעל שם טוב, שהכלה היתה נכדתו) איז געוועזן (נתראה לפני רבינו), און ווייל זי איז געווען אן ארים מיידל, האט מען זי גענומען, (ואמר הבעש"ט לרביז"ל) "ווייל מיין קינד איז א ארים קינד דארף מען איר געבן אזא חתן"?! ער (החתן 'חיים פייעס') איז געווען א 'פסול', וויל ער (הבעש"ט) צונעמען דעם חתן!

האב איך גע'פועל'ט אז "זיי זאלן קיין קינדער נישט האבן" - האט דער רבי געזאגט, "צונעמען דעם חתן דאס נישט", זאלן זיי קיין קינדער נישט האבן!

דאס האט דערציילט דער רבי פאר רבי חיים שרה'ס, אז דאס איז געווען ביינאכט - די ארבעט! (לפעול כנ"ל)

אינדערפרי איז אדורך געלאפן א רייטער פון ברסלב, א רייטער אדורך געלאפן אינדערפרי, די חופה האט געדארפט זיין אין דעם טאג, און "דער חתן איז שטארק שלאַף"! (אזוי האט דערציילט דער רייטער), אבער ער (רביז"ל) האט דאך שוין געוואוסט די

גאנצע מעשה ביינאכט, האט דער רבי געזאגט; "פאָר אהיים, פאָר אהיים, די חופה וועט זיין היינט"!

"רבי הירש לייב דער רב" ער האט דאס געהערט פון רבי חיים שרה'ס - זיין שווער, האט ער זיך משתדל געווען, מען האט זיי אפגע'גט, ער האט מסדר געווען דעם 'גט', ווייל ער האט געהערט פונעם שווער, דער שווער האט איהם דאס דערציילט! דער רבי האט דאך אויך נישט געוואלטליידן דעם שידוך, דער רבי האט נישט געוואלט מען זאל צונעמען דעם חתן, צונעמען דעם חתן – דאס נישט! האט דער רבי גע'פועל'ט אז זיי זאלן נישט האבן קיין קינדער! האט זיך שוין "רבי הערש לייב דער רב" משתדל געווען, געמאכט א גט ביי איהם!

(השואל; נאכדעם האבן זיי געהאט קינדער פון זיווג שני?) דאכט זיך מיר אז יא!

בשעת ס'איז געווארן די מחלוקת, האט ער זיך אנגערופן א ווארט עפעס - דער 'חיים פייעס', ער האט זיך אנגערופן עפעס א ווארט, צוגעהאלפן די חולקים.

דער רב (החולק) האט דאך געזאגט אז מען זאל זיך נישט משדך זיין מיט זיי (ברסלב'ער חסידים), אין דעם איסור דארטן - אין דעם בריוו שטייט דאך "מען זאל זיך נישט משדך זיין מיט זיי", האט ער (חיים) געזאגט פאר'ן עולם; "ברסלב'ער - מען זאל זיך נישט משדך זיין"!

(אמרו לו אנ"ש); "דו רעדסט אויך? דער אויבערשטער וועט העלפן, אונזערע לייט וועלן האבן געלט, און 'כסף וזהב איז מטהר'[טז] ווייסטו דאך... - וועט מען דאך שוין מעגן מיט זיי זיך משדך זיין"!... מען האט איהם פארמאכט דאס מויל, "דו ווייסט דאך אז כסף וזהב איז מטהר"!

ער איז טאקע געווען אסאך פיינער ווי דער פאטער - דער 'חיים', ער איז געווען א פשוט'ער.

(ר' נחמן בורשטיין; ער האט געזאגט "מען וועט טראגן זיינע עוונות אויף א פענדל")[יז] דעם פאטער, אברֶהמ'ל!

---

[טז] עפ"י גמרא קידושין דף ע"א ע"א.

[יז] עי' כל הסיפור בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות מ"ג.

(השואל; אברהמ'ל איז געווען צוזאמען מיט "משה חינקעס"?) **זיי זענען געווען שותפים, גבירים!**

*

# 'עז פנים לגיהנם'

מען רעדט דא פון א "עשיר יענה עזות" - - אז מען האט אזא רבי'ן, און דער רבי ווייסט אלדינגס, זיי האבן גוט געקענט דעם רבי'ן, ביי די מחלוקת - האבן זיי געוואוסט ווער דער רבי איז און ווער רבי נתן איז, זיי האבן אלעס געוואוסט, נאר דאס עשירות האט אזא מין עזות, אזא מין חוצפה, אז מען פארגעסט אלדינגס!

האט ער נישט געוואוסט?! אז ער איז געווען ביים רבי'ן, האט ער נישט געוואוסט ווער דער רבי איז? האט ער נישט געוואוסט ווער רבי נתן איז?! דער רבי האט אזוי מכבד געווען רבי נתן'ען, האט ער געוואוסט ווער רבי נתן איז!

דאס 'עזות' - מען האט שוין כמה פעמים גערעדט, עס שטייט דארטן אין די משנה[יח] "**עז פנים לגיהנם, ובושת פנים לגן עדן**", וואס מיינט די משנה "עז פנים"? אז איינער איז א בעל עבירה, א מחלל שבת, קומט דאך איהם גיהנם פאר די עבירה! וואס דארף מען זאגן דעם לשון 'עז פנים' לגיהנם?

"ובושת פנים" מיינט מען - איינער איז א ערליכער איד, איז נישט 'בושת פנים' דער ווארט - נאר א ערליכער איד קומט איהם גן עדן! וואס איז דער 'עז פנים' דער 'בושת פנים'?

פשט איז, דער 'עזות' אליין - פאר'ן עזות קומט איהם שוין גיהנם! נישט פאר די עבירה, די עבירה איז א באזונדערע זאך, די עבירה איז א עבירה, נאר (וועגן) די עזות זיינע קומט איהם שוין גיהנם!

די 'בושת פנים' - ער איז א בושת פנים, ער איז א נכנע, פאר די בושה אליין קומט איהם גן עדן! און עזות פנים - פאר'ן עזות אליין קומט איהם גיהנם! ווי אזוי דער מענטש איז, על כל פנים זאל מען כאטש נישט זיין קיין עזות פנים!

---

[יח] אבות פ"ה כ'.

און די געלט האט אין זיך אזא מין כח, ער מאכט פאר אן 'עזות פנים', כאטשיג ער ווייסט ווער ער איז, אלעס, נאר דאס געלט מאכט אן עזות! האבן געלט - און זיין א 'בושת פנים' דאס איז זייער נישט שכיח.[יט]

מיר האבן געהאט אזעלכע וואס האבן געהאט געלט, און זענען געווען גרויסע ערליכע אידן, "רבי אייזיק",[כ] גרויסע ערליכע אידן געווען, 'בושת פנים'! מיט זיין געלט - האט ער געוואוסט אז יענער איז חשוב'ער פון איהם! דארף מען האבן א גרויסע זכיה, איי איי...

*

# 'והחי יתן אל לבו'

ס'איז געווען "רבי נחמן ר' נתן'ס",[כא] ער האט א שידוך געטוהן מיט זיין טאכטער, ער האט געהאט א טאכטער, זי אי איז געווען א 'פארווייקטע נשמה', עפעס א נשמה, נאר געווען א נשמה פון עולם הבא, יא עסן - נישט עסן, אזא מענטש איז זי געווען.

האט ער גענומען אן איידעם חָנא לאדיזינער (פארבער), ער איז געווען א איד, א פיינער מענטש, מיט כשרונות, א וועלטס מענטש, און א חסיד געווען!

און ער איז געווארן רבי נחמן'ס איידעם, האט ער א קוק געטאן, וואספארא וועלט וועט ער האבן ביי איר? אז זי איז גארנישט קיין מענטש נישט, יא עסן נישט עסן, א מענטש פון עולם הבא! ער איז א מענטש, ער וויל פירן א וועלט אין דער וועלט! האבן זיי זיך געג'גט, און ער איז אוועק קיין אמעריקע, דארטן געווארן א גרויסער מיליאנער, 'הייזער' (פארמאגט), און ער האט פארדונגען.

איך געדענק, ער איז נישט לאנג (צוריק) געשטארבן, און 'קדיש' האט מען געזאגט דא אין ירושלים, ער האט קינדער דארט און אמעריקע, גרויסע גבירים, אבער קדיש נישט, א קדיש האט ער נישט איבערגעלאזט.

---

[יט] עי' שיחות הר"ן אות ד' - "איש כשר באמת קשה לו מאוד שיהיה לו עשירות" וכו'.

[כ] מחשובי אנ"ש באומאן.

[כא] רבי נחמן בנו של מוהרנ"ת ז"ל.

האט ער אויף דער עלטער געזאגט, "איך זאל געווען לעבן מיט רבי נתן'ס קינד (נכדתו), וואלט איך געהאט שענערע קינדער"!

ווען האט ער דאס געזאגט? פאר'ן שטארבן!

נאר וואס דען? ס'גלוסט זיך נישט אוועקלאזן א וועלט, דאס איז נישט קיין קלייניקייט, ער איז דאך מענטש אין דער וועלט, ער האט געזעהן אז דא וועט ער נישט האבן קיין וועלט מיט איר, אז יא עסן נישט עסן - וואס?!

*

זי איז אויך אזוי געווען - רבי אברהם'ס (שטערנהארץ) בני בית (בתו של רבי יוסף יונה בן מוהרנ"ת) אויך געווען אזא מין סארט נשמה, און זי איז געווען אזא פארווייקטע נשמה, נאר אינזין געהאט דעם 'תכלית'! ... שוין.

(ר' נחמן בורשטיין; מיט די קינדער איז זי געווען זייער שארף), זייער שארף!

זי איז געווען א צדיקת, אויף א אנדער סארט אופן, זי איז געווען א הויכע סארט נשמה.

אז איך האב גערעדט מיט איר, האב איך גארנישט געוואוסט (אז) איך רעד מיט א אשה, אזוי ווי מען רעדט מיט א מאן! א פארווייקטע נשמה, א צדיקת, גערעדט מיט איר, זי פלעגט רעדן פונעם תכלית, זי האט גערעדט פונעם רבי'ן, פונעם תכלית!

זי איז געווען א גוטער מענטש, און רבי אברהם האט זיך נישט גע'גט, און דער חָנא האט נישט געקענט אויסהאלטן.

(ר' נחמן; ווער איז געווען חָנא'ס פאטער?) איך ווייס נישט, ער (- חנא) איז געווען אונזערס א מענטש געווען, א חסיד געווען, א גרויסער חסיד געווען.

*

ס'איז א מוסר השכל דאס דאזיגע, א מענטש בשעת ער איז אין דער יוגענט, (וואלט מען געדארפט) מאכן זיך א חשבון, "אט איז ער אן אלטער איד", "אָט ליגט ער מיט די פיס צום טיר", "וואס וועט פון איהם בלייבן"?! - מאכן זיך דעם חשבון איז שווער צו מאכן זיך!

א מענטש - וויל ער א בעל הבית'טע אין שטוב, פירן קינדער, מיט די קינדער מוז מען דאך אויך א בעל הבית'טע, א קינד דארף האבן - אויסוואשן א העמד, און געבן עסן, פירן א שטוב! אבער אז זי איז גארנישט געווען קיין (מהות) צו פירן א שטוב, האט ער געזאגט "ער קען נישט", "ער קען נישט מאכן אזא לעבן"! און מצדו איז ער טאקע גערעכט אויך, ער קען דען פירן אזא מין שטוב?! ער קען דאך נישט פירן אזא שטוב.

אבער ווי וועט זיין דער לעצטער תכלית?! אז די גאנצע וועלט איז אזוי ווי א 'הרף עין', און ער האט שוין דעם לעצטן טאג! ער ליגט שוין מיט די פיס צו די טיר! דעמאלטס האט ער א אנדער חשבון, האט ער א אנדער חשבון!

*

# 'יזכיר לו יום המיתה'...

"רבי אבא'לע", ס'איז געווען אמאל רבי אבא'לע, אונזערע לייט זענען געקומען צו איהם דארטן, ער האט געהאט א זאל (אולם גדול בביתו לקבלת אורחים, מרוב עשירות), דער זאל איז געווען גרויס א געוואלדיגע גרויסקייט, און געפוצט זייער געווען דער זאל, א געפוצטקייט, א רייכקייט געווען דער זאל.

אונזערע לייט פלעגן אריינקומען אין דער זאל, דארטן האט ער געמאכט עפעס 'שבועות', ווען זיי זענען געקומען דארטן, אלעס, אפילו אינמיטן יאר אויך אזוי, 'פורים', ס'איז געווען ציטן וואס מען איז געקומען צו איהם 'שמחת תורה'.

איז געווען, אז ער איז אריינגעקומען, דער זאל איז געווען - אלע אונזערע לייט זענען געזעצן, און ס'איז געווען! האט ר' אבא'לע גענומען א 'קיבל וואסער' (דלי מים) ער האט געגעבן א גיס אויף די פאדלאגע (רצפת הבית), און ער האט זיך אוועקגעלייגט אויף דער ערד - **"אט איז מען מטהר אבא'לען"!**

אבא ליגט אויף דער ערד, און מען איז איהם מטהר!...

אויסגיסן א קיבל וואסער, די פאדלאגע איז געווען געבליטשקעט אזוי ווי שפיגל, געפארבט מיט שפיגל, און אויסגיסן... און אונזערע לייט זענען געזעצן.

דאס איז דער כח פון רבי נתן'ען! דאס איז רבי נתן'ס כח! טוהן די זאך בשעת מען איז אין אזא מין עשירות, אזא מין רייכקייט, און ער איז דאך א 'חסיד', ער איז דאך רבי אבא'לע!

מסתמא האט ער געזעהן אז ער האלט דארטן ביי א 'גבהות לב', איז 'נאדיר'! נאדיר א קיבל וואסער, און ליגט שוין אויף דער ערד, מען איז איהם שוין מטהר!...

אויף די וואסער האט ער זיך אויסגעלייגט, ער האט זיך אויסגעצויגן אויף די וואסער, "מען איז מטהר אבא'לען"!

*

ער האט גענומען א זיווג שני, דאס ערשטע איז אוועק, האט ער גענומען א זיווג שני, און א גרויסע גביר'טע, ס'איז געווען עפעס א גרויסער מיליאנער פון קיעוו "זייטשיק", א מיליאנער א גרויסער, האט ער גענומען זיינער א שוועסטער.

ס'איז געקומען שבועות, און ר' אבא'לע פלעגט דאך אריינפירן דארט אונזערע לייט אין דעם גרויסן זאל, שבועות, מאכן די מילכיגע סעודה פאר זיי, אונזערע לייט זענען געווען גרויסע ארימעלייט דארטן, רבי פנחס יהושע - די אלע ארימעלייט.

האט זי געזאגט; "וואס דארף מען מאכן די סעודה נאר אין דעם גרויסן זאל? מען וועט מאכן פריער - אויך א שיינעם זאל – פריער (בחדר החיצון), און דארטן מאכן, וועט זי דארטן צוגרייטן צו מאכן די סעודה"! - די זיווג שני.

רבי אבא'לע גיבט א קום אריין פון שול, זעהט ער אז אונזערע לייט שטייען דא, און דער זאל איז פארשלאסן, האט ער געגעבן א שלים אפ דעם זאל, "פון וועמענ'ס וועגן האב איך אזא זאל - אז נישט פאר זיי"?! האט ער געעפענט דעם זאל, אריינגעפירט זיי דארטן.

דאס איז געווען רבי נתן'ס כח!

*

# 'ואני תפלה'

רבי אבא'לע איז געווארן א יתום, די מוטער זיינע איז געשטארבן, און זיין פאטער איז געווען "ר' שמואל ר' אבא שוחט'ס", ער איז געווען ביים רבי'ן, און דער רבי שמואל אליין האט עפעס נישט אזוי געהאלטן שטארק פון רבי נתן'ען.

נאר אז רבי אבא איז געווארן א יתום, די מוטער זיינע איז געשטארבן, רבי אבא האט אנגעהויבן דאווענען פארן עמוד, און ער האט געדאוונט (בדבקות)! האט רבי שמואל געזעהן ווי רבי אבא'לע דאוונט פאר'ן עמוד, "אַה, וועט ער דאך נאך איהם אויך אזוי דאווענען"!... האט ער שוין געזעהן אז דאס איז שוין דער כח פון רבי נתן'ען (שר' אבא'לע היה ממקורביו), האט ער שוין אנגעהויבן האלטן פון רבי נתן'ען, ער האט געזעהן ווי ער דאוונט א שמונה עשרה!

אונזערע לייט האבן געדאוועט! איך האב געזעהן דארטן ווי אונזערע אבלים האבן געדאוועט א שמונה עשרה אז ס'איז געווען א מחיה!

ער האט געדאוועט שמונה עשרה מיט א דביקות צום אויבערשטן, א שמונה עשרה, אזוי ווי מען דארף זאגן א שמונה עשרה! האט ער (אביו - רבי שמואל) געזעהן, "אזוי זאגט ער?! אזוי דאוועט ער?! וועט ער דאך נאך איהם אויך אזוי דאווענען"! אַה, האט ער שוין אנגעהויבן צו האלטן פון רבי נתן'ען, האט ער שוין געזעהן אז דאס איז שוין רבי נתן'ס כח.

*

איך האב געהערט ווי אונזערע לייט האבן געדאוונט פאר'ן עמוד אינעם יאר פון אבילות, דער "יצחק דוחאוונע" ער איז געווען אן אבל נאך די מוטער, רבי אלטר טעפליקער'ס א שוועסטער, רבי אלטר'ס שוועסטער איז געווען זיינער א מוטער, האב איך געהערט ווי ער האט געדאוונט, א געוואלד! א דביקות צום אויבערשטן! אַה, ער האט געדאוונט שמונה עשרה, מיט א דביקות צום אויבערשטן!

'אונזערע לייט', דאס איז א ברסלב'ער חסיד - דאוונט אזוי נאך א מאמע'ן!

*

# 'סתים וגליא'

איי איי, רבי נתן איז געווען א 'סוד' אפילו פון אונזערע לייט אויך![כב] ער איז געווען א 'סוד'! נאר וואס דען? די וואס האבן געוואלט זיך צו קוקן האבן זיי געזעהן, האבן זיי געזעהן!

רבי אברהם ר' נחמן'ס איז אויך אזוי געוועזן, ער איז געווען א סוד אפילו ביי אונזערע לייט אויך, די וואס האבן געוואלט זעהן, די האבן געזעהן!

דער צדיק פארשטעלט זיך, דער רבי האט זיך געוואלט פארשטעלן, דער רבי האט געזאגט; **"וואס האט מיר געטויגט דער פרסום?! דא האב איך געפילט בכל פסיעה - האב איך געפילט טעם גן עדן"!**[כג]

אבער אז אויבן אין הימל האט מען נישט געוואלט, איז ער נתגלה געווארן! ס'האט נישט געהאלפן, מען וויל דאך פארט אז ס'זאל זיין א רבי.

דער "בעל שם הקדוש" האט נישט געוואלט נתגלה ווערן, א גאנצע מעשה איז דא, ער האט נישט געוואלט, ער האט נישט געוואלט, אבער אז מען האט אויבן געוואלט - האט מען אויבן אויסגעפירט, ער האט געמוזט נתגלה ווערן.

און דער רבי האט נישט געוואלט, אבער אז מען וויל אויבן, און דערווייל די מעשה - די מעשה,[כד] ס'העלפט נישט, ער מוז ווערן נתגלה!

*

ביי רבי אברהם ר' נחמן'ס אויך, רבי אברהם ר' נחמן'ס האט זיך פארבאהאלטן, ער האט זיך פארבאהאלטן, פארבאהאלטן, פארבאהאלטן!

און מען ווייסט פארט פון איהם! מען ווייסט פון איהם, נאר וואס דען? נישט אלע ווייסן, אז יענער פארבאהאלט זיך נישט - ווייסן מערערע מענטשן, אבער אז ער פארבאהאלט זיך יא - - - אבער די וואס האבן געוואלט (האבן געוואוסט)!

---

[כב] עי' פרפראות לחכמה סי' ס"א אות י"ח, וכוכבי אור - ששון ושמחה, חידושים אות י"א.

[כג] עי' חיי מוהר"ן אות ק"ז.

[כד] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות מ"ז (ב').

(אחד הנוכחים; "רבי אליהו חיים [ראזין]" דערציילט אז "רבי חיים" - דער טשעהרינער רב'ס זוהן, האט אמאל גערופן די אלע תלמידים פון רבי אברהם'ען, און ער האט געזאגט אז ער וויל זיי עפעס דערציילן, אז ער האט אמאל גערעדט מיט דעם טשעהרינער רב וועגן רבי אברהם ר' נחמן'ס, האט ער איהם געפרעגט "מען זאגט דאך אויף איהם ער איז משוגע"? [שנדמה להם כך מחמת עבודותיו המופלגות], האט דער טשעהרינער רב געזאגט, **"אפשר איז דער משוגע'נער דער אגראדניק"?!)**[כה]

ער האט זייער געהאלטן פון רבי אברהם ר' נחמן'ס - דער רבי חיים, דעם לעצטן ראש השנה איז ער געווען אין אומאן, און ער איז אריינגעקומען נאכ'ן עסן צו מיר אין שטוב אריין, איך זאל איהם דערציילן מעשה'ס פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, ווייל ער האט געהערט ווי איך האב געהאלטן פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, וויל ער איך זאל איהם דערציילן.

*

# 'הצנע לכת'

רבי אברהם ר' נחמן'ס איז אזוי געווען, אז מען האט געוואלט - און מען האט זיך גוט צוגעקוקט - האט מען געזעהן אז ס'איז א ענין אחר לגמרי!![כו]

אבער נאר אז מען האט זיך גוט צוגעקוקט! אז נישט האט מען געזעהן א קראנקער מענטש טרינקט הייסע טיי!... איינער (אחד מהאנשים הפשוטים) האט מיר אזוי געזאגט; "יא ער האט געטרונקען הייסע טיי און געגעסן הארטע ברויט, איך האב איהם געקענט"!...

- ער האט געהאט צוטוהן מיט דעם מאגן, 'חולי מעיים', האט ער נישט געקענט עסן קיין ווייכע ברויט, עסט ער הארטע ברויט און טרינקט הייסע וואסער, "איך האב איהם געקענט! הייסע טיי און הארטע ברויט"!

---

[כה] עי' שיש"ק ח"ג אות שמ"ז - והוא עפ"י ספר סיפורי מעשיות - מעשה י"ג, ז' בעטלער'ס, יום ב', עיי"ש.

[כו] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קט"ז, וז"ל; ... כִּי הַצַּדִּיק הוּא בִּדְמוּת וְצֶלֶם כְּכָל הָאֲנָשִׁים וְאֵין בּוֹ שׁוּם שִׁנּוּי, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי, וּשְׁאָרֵי בְּנֵי־אָדָם אֵינָם בִּדְמוּתוֹ כְּלָל בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ ז"ל שֶׁאִישׁ הַכָּשֵׁר נִדְמֶה שֶׁהוֹלֵךְ עִם כַּרְכָּשׁוֹת וְדַקִּין כְּמוֹ שְׁאָר בְּנֵי־אָדָם, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי ...

א איד וואס זיין חיות איז געווען 'הצנע לכת', ער האט אלע יארן געהארוועט דערויף, און ווי ער האט זיך געקענט מער פארבאהאלטן - איז אינגאנצן געווען זיין חיות!

אין די אינגערע יארן האט ער זיך געקענט מער פארבאהאלטן, ס'איז געווען ווינציג מענטשן אין שול, ווער איז דען געווען אין שול? האט ער זיך געקענט מער פארבאהאלטן, אבער אין די עלטערע יארן איז שוין געקומען מער מענטשן אין שול, ס'איז געקומען די פוילישע, איז שוין געקומען מער מענטשן, איז שוין געווען שווערער צו פארבאהאלטן, אבער ער האט זיך אויך פארבאהאלטן!

אין מיינע צייטן איז ער אוועקגעגאנגען אינדערפרי און געקומען פארנאכט, מען האט נישט געוואוסט וואו ער איז, פארנאכט האט ער זיך אוועקגעזעצט מיט אונז, און גערעדט מיט אונז.

ער האט גענומען הייסע טיי אביסל - אזוי איז זיין שטייגער געווען - הייסע טיי, און אזוי פלעגט ער רעדן, ער האט דאך געהאט 'חולי מעיים', אזא מין סארט - האבן יסורים, און מיט הייסע וואסער איז איהם געווארן גרינגער, הייסע קאכעדיגע טיי - שארפע טיי איז גוט צו די חולאת.

און א גאנצן טאג האט מען נישט געוואוסט וואו ער איז, מען האט געוואוסט אז ער האט שוין דארטן זיינע ערטער וואס ער באהאלט זיך דארטן מיט התבודדות, אפילו די יארן וואס ער איז שוין געווען קראנק האט ער זיך אויך פארבאהאלטן זיך, נאר אין די יונגערע יארן אוודאי.

*

און אזוי איז געווען אין 'ארץ ישראל' אויך, מען האט איהם גערופן א "ארץ ישראל איד", "רבי אברהם פון ארץ ישראל" האט מען איהם גערופן, ער איז געווען א ארץ ישראל איד!

דא אין ארץ ישראל האט ער זיך נאך מער פארבאהאלטן זיך, א 'שמש', טראגן בענק, טראגן טישן! זיין חיות איז נאר געווען וואס ער האט זיך נאר געקענט מער פארבאהאלטן זיך! דערפאר טאקע דא האט ער געליטן אזא 'עניות' אויך, און 'דחקות'! אז ער האט זיך פארבאהאלטן האט מען נישט געוואוסט פון איהם!

*

איינער איז געווען - ער פלעגט מיר דערציילן - יונתן'ס (ר' יונתן לעווינזאן מבני ברק) זיידע - זיין מוטערס טאטע - האט געהייסן 'רבי משה' (רבי ישראל משה ראזנטאל-ווארשעווער), מאיר לעווינזאן, זיין זיידע האט געהייסן רבי משה, און ווען רבי אברהם פלעגט פארן אויף ראש השנה, האט ער איהם געגעבן א 'נאפאליאן' (מטבע זהב שהיה מלפנים בארץ ישראל), 'ער' האט געוואוסט פון רבי אברהם'ען!

ער האט מיר אויך דערציילט - ס'איז געווען איינער רבי שמואל - ער איז געווען א למדן א גרויסער, די לעצטע יארן האט ער געדאווענט ביי אונז, ער האט געזאגט, "ער האט חרטה אלע יארן וואס ער האט נישט געדאווונט ביי אונז"! האט ער מיר אויך דערציילט - זיין טאטע איז געווען דער רבי משה, פלעגט ער געבן רבי אברהם ר' נחמן'ס א 'נאפאליאן' ווען ער איז געפארן קיין אומאן! א נאפאליאן איז דעמאלטס געווען א פארמעג!

אזא זייטיגער מענטש האט געהאט א שטיקל געפיל אין איהם, אז דער אויבערשטער האט געהאלפן - ער האט נאר געהאט געכאפט א קוק, האט ער געזעהן עפעס א געפירעכטס, האט ער געזעהן אז דאס איז עפעס א אנדער סארט מענטש, א פארבאהאלטענער!

אז דער אויבערשטער האט רחמנות, ווייטער - ווער האט געוואוסט פון איהם?! אבער ס'איז געווען וואס האבן געוואוסט, מען האט געוואוסט!

*

יוחנן'ס (גאלאנט) טאטע, אה, געווען א 'לפיד אש' איז דאס געוועזן, א לפיד איש! א גיבור כח, יוחנן'ס טאטע - 'ברוך', זיין דאווענען איז געוועזן פייער! פייער פייער! מען זעהט נישט אזא מין דאווענען, 'כל עצמותי תאמרנה' מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן, אה, פייער פייער! דאס איז אלץ געווען רבי אברהם'ס תלמידים, און 'בנימין פארבער' - - -

ער האט דארטן געהאט זיינע מענטשן, זיינע שלעפערס... (עניים תמימים ויראים, אנשי רבי אברהם).

* * *

# 'נר תמיד'

היינט איז דאך רבי נחמן טולטשינער'ס יארצייט, רבי אברהם ר' נחמן'ס איז געוועןביים רבי'ן אויפ'ן ציון אין דעם טאג פונעם יארצייט פון זיין פאטער[כז] - מען זעהט די פשיטות ותמימות - האט ער געבעטן דעם רבי'ן "אז דער רבי זאל איהם דערמאנען א זכות וואס ער האט אפגעהיט דעם 'נר תמיד'"![כח]

רבי נחמן האט אפגעהיט דעם נר תמיד, אפילו ווינטער אין די גרעסטע שניי, אין די גרעסטע גליטשן איז ער געגאנגען אלע אויפדערנאכט אנצינדן דעם 'נר תמיד'.

און מוצאי שבת נאך הבדלה איז ער שוין ארויפגעגאנגען, שבת האט עס געקענט פארלאשן ווערן, איז ער ארויפגעגאנגען שוין, געמאכט א לאמפ און אנגעצונדן דעם 'נר תמיד'!

ער איז געגאנגען א 'פעלצל', א 'פוטער', אזא פראסט 'פוטערל', אמאל האט מען איהם געוואלט מאכן א 'דעקע' - א שיינע סחורה, האט ער געזאגט "ניין! **איך דארף דאך גיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון אלע טאג, אנצינדן דעם 'נר תמיד', איז דאך א גרויסע גליטש"** - א 'גליטש' איז א 'אויסגוס', אז דארטן איז א גרויסער שניי און נאכדעם ווערט א פראסט, ווערט די שניי פארפרוירן, ווערט א גליטש, קען זיין א אויסגוס פון אויבן ביז אראפ, מען קען נישט קיין טריט גיין, גארנישט, איז 'ארויף' דראפעט מען זיך, און 'אראפ' געבט מען זיך א לאז אראפ - א גליטש אראפ ביז אונטן, נו פלעגט ער זיך אוועקזעצן אויף די שניי, און אראפלאזן ביז אונטן, אראפגעגליטש! **"אבער אז איך וועל האבן א שיינע דעקע, וועל איך דאך זשאלעווען די דעקע, וועל איך שוין נישט גיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון"**! האט ער נישט געוואלט מען זאל איהם מאכן א דעקע!

- האט "רבי אברהם ר' נחמן'ס" געבעטן דעם רבי'ן אויפ'ן ציון, אינעם טאג פונעם יארצייט, אז דער רבי זאל איהם דערמאנען א זכות ווייל ער האט אפגעהיט דער 'נר תמיד'! אויך א תמימות ופשיטות, רבי נחמן טולטשינער האט דאך געהאט גוטע זכותים! (ואעפ"כ הזכיר ר' אברהם רק זאת, אז) ער האט אפגעהיט דעם נר תמיד!

---

[כז] כי לא הלך על ציון אביו, עי' קונטרס טעם זקנים ל"ז בסופו.

[כח] עי' ימי מוהרנ"ת סי' ע"ד, וכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות מ"ז, ושם חלק שיחות וסיפורים אות ב', ושם אות נ"ח.

(ר' נחמן בורשטיין; ער האט דאך אפגעדרוקט אלע ליקוטי הלכות'ן!) **יא!**

*

(השואל; ווער האט געדרוקט דעם טשעהרינער רב'ס ספרים?) **בשעת ער האט געשיקט איינעם דרוקן די ספרים, האט ער ארויסגענומען 'זעכצן הונדערט רובל', א וועלט מיט געלט, ער האט אליין געגעבן געלט, און אלעס אליין! ער האט זיך אנגערופן, "מען דארף אליין מחבר זיין דעם ספר, און אליין דרוקן, און אליין לערנען אין דעם אויך"! אליין לערנען אויך!...**

*

# "כ'האב געקענט מאכן בעסער"!

**געוואלדיגע מענטשן געווען ביי אונז! 'אנן מה נענה בתריהו', געוואלדיגע מענטשן געווען ביי אונז, אלעס אינעם כח פונעם רבי'ן.**

**מיר האבן געהאט אזעלכע מענטשן וואס האבן נישט געקענט דעם רבי'ן! דער טשעהרינער רב האט געקענט רבי נתן'ען, אבער רבי אברהם ר' נחמן'ס האט רבי נתן'ען אויך נישט געקענט, ער איז געבוירן געווארן תר"ט - פיר יאר נאך רבי נתן'ס הסתלקות, האט ער רבי נתן'ען אויך נישט געקענט.**

**- און זיי זענען געווען 'חידושים נפלאים', אין די לעצטע דורות וואס האבן שוין נישט** (געקענט דער רבי'ן מיט רבי נתן'ען).[כט]

[כט] עי' חיי מוהר"ן אות רכ"ה; **וְכֵן אֲפִלּוּ אֵלּוּ שֶׁלֹּא זָכוּ לְהַכִּיר אֶת רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּחַיָּיו, כְּשֶׁיָּבוֹאוּ עַל קִבְרוֹ הַקָּדוֹשׁ וְיִסְמְכוּ עָלָיו, וְיִלְמְדוּ סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, וְיַרְגִּילוּ עַצְמָם לֵילֵךְ בִּדְרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, בְּוַדַּאי יֵשׁ לָהֶם עַל מַה שֶּׁיִּסְמֹכוּ, אַשְׁרֵיהֶם אַשְׁרֵי חֶלְקָם, וְלֹא יֶאְשְׁמוּ כָּל הַחוֹסִים בּוֹ, כִּי כְּבָר גִּלָּה דַּעְתּוֹ בְּכַמָּה לְשׁוֹנוֹת בְּפֵרוּשׁ וּבְרֶמֶז שֶׁכָּל מַה שֶּׁעוֹסֵק עִמָּנוּ אֵינוֹ בִּשְׁבִילֵנוּ לְבַד, כִּי אִם אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה וְאֶת אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ פֹּה, וְכַמְבֹאָר מִזֶּה לְקַמָּן (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן ר"ט).**

ועי' פרפראות לחכמה סי' ס"א אות י"ד; **וכנראה בחוש, אשר זה יותר משישים שנה אחר הסתלקותו ז"ל, והאש הקדוש של אמונת חכמים בו ז"ל ובחיבוריו הקדושים ובכל הצדיקי אמת, בוער בלב אנ"ש עד אין סוף ממש, ומשתדלים לעסוק בעניניו ז"ל בכל פעם בהשתדלות יתירה ביותר, להפיץ מעיינותיו חוצה להדפיס חיבוריו ז"ל, ולבנות בניניו הקדושים, ולעסוק בכל עניניו על צד היותר טוב, וככר יש רבים מאנ"ש אשר כמעט שלא הכירו ולא ידעו ולא ראו גם שום אחד מתלמידיו הקדושים ז"ל, ואף על פי כן בוער בלבם עסקיו ועניניו של רבינו הקדוש ז"ל כאש יוקדת ממש, ושותים בצמא את כל דבריו ודברי תלמידיו הקדושים ז"ל, והם עליהם**

און נאך א דור שפעטער שוין - אין אונזער דור איז אויך געווען חידושים נפלאים, צדיקים, ס'איז געוואלדיג!

*

דער "רבי געצע", אה, א געוואלדיגער 'עובד' וואס ער איז געווען!

ער איז נפטר געווארן ביי די פיר און פערציג יאר, א חולה אויף די לונגען, אזא עבודה וואס ער האט אויסגעארבעט, וואס ער האט אויסגעארבעט, געוואלד, געוואלד! 'כל עצמותי תאמרנה', 'כל עצמותי תאמרנה'! אן ארימאן, און אזוי גדינט דעם אויבערשטן מיט אזא מין - - -

ער האט מיר דערציילט - 'ברוך' – דער איידעם (פון רבי געצע'ן), אז ער האט איהם געזעהן אין חלום נאך די הסתלקות - דעם שווער, האט ער איהם געפרעגט; "שווער, ווי אזוי איז דארטן"? זאגט ער, "ס'מיר נישט שלעכט! **אבער איך האב געקענט מאכן בעסער**"! איך האב געקענט מאכן בעסער!

דא מיינט מען "וואס קען איך טוהן מערער?! - אז איך האב מסירת נפש, און געב זיך אוועק אינגאנצן"! דארטן זעהט מען אז מען האט געקענט מאכן בעסער!

"ס'איז מיר נישט שלעכט דא, אבער איך האב געקענט מאכן בעסער"!!! - דער ווארט איז א גוטער ווארט!

דאס זאגט א איד וואס ער איז געווען א עובד השם, א איד א צדיק, א הייליגער מענטש, און אויסגעטוהן פון דער וועלט, א מסירת נפש מיט זיין דאווענען, מיט זיין פירעכטס, און אן ארימאן א גרויסער, און א קראנקער...

אזויפיל מעלות האט ער אין זיך! אן ארימאן איז א גרויסע מעלה, און א קראנקער אויך, און - א עובד השם! זאגט ער "איך האב געקענט מאכן בעסער"!

וואס האט ער געקענט מאכן בעסער?! אז ס'איז געקומען ווינטער איז געווען - לא עלינו - ביי איהם די גאנצע הענט איז געווען פול מיט צרעת, מיט בלאטערן, און ער האט דאך נישט גענומען קיין שום רפואות, ביים רבי'ן אויפ'ן ציון האט ער גענומען אביסל שמן פונעם רבי'נס 'נר תמיד' און באשמירט דארטן די הענט, דאס האט ער

---

ממש כמים קרים על נפש עיפה, ועובדים את ה' באמת בכל לבם ובכל נפשם, והכל בכח קדושת ההתנוצצות הארת הדעת הקדוש שנשאר בעולם מרבינו הקדוש ז"ל על ידי חיבוריו ותלמידיו הקדושים.

געטוהן! און געגאנגען אנגעטוהן 'הענטשקעס' אויף די הענט, און די הענטשקעס האט זיך צוגעקלעבט צו די בלאטערן, און ער האט געדארפט גיין אין מקוה אריין, האט ער געגעבן א רייס אראפ די הענטשקעס, און געגאנגען אין די קאלטע מקוה! אייז!

שבת האט ער דאך נישט געקענט אראפרייסן די הענטשקעס, איז ער שבת נישט געגאנגען מיט די הענטשקעס, נאר 'אזוי' (בלי זה)!

א געוואלד געווען אנקוקן דעם צער פון דעם אידן, צוויי הענט מיט בלאטערן, דאס איז דאך אזא מין צער וואס מען קען נישט אויסמאלן! מען דארף זיך וואשן צום עסן, און מען דארף גיין אין מקוה אלע טאג!

און וואספארא מקוה איז דארטן געווען? קאלט, אייז, און אין שטוב איז קאלט, און נישטא וואס צו עסן, א עובד השם!

וואס קען זיין נאך בעסער?! אבער דארטן זאגט ער "איך האב געקענט מאכן בעסער"!!!

פארוואס? ווייל דארטן 'בעלמא דקשוט' זעהט מען אנדערש! דארטן זעהט מען גאר אנדערש! דא דאכט זיך "וואס קען איך טוהן מערער"?! דעם אמת פון דארטן - וואס ער זעהט דארטן - זעהט ער אז ער האט געקענט מאכן בעסער!

איי איי איי...

*

"ביום ההוא אבדו עשתונותיו",[ל] דאס הייסט - זיינע 'געדאנקען'! וואס איז דאס לשון 'אבדו עשתונותיו'?

יעדער איינער האט זיך 'געדאנקען', דא (- בעולם הזה), געדאנקען מיט געדאנקען! איך וויס?! "איך מוז אזוי", "איך קען נישט", אבער דארטן איז "אבדו עשתונותיו"! די אלע געדאנקען לאזן זיך אויס, ס'איז גארנישט, נארישקייטן!

[ל] תהלים קמ"ו ד'.

"איך האב געקענט עפעס טוהן" און דארטן זעהט מען דאך, געוואלד, אז נאך א פרוטה, און נאך א געשריי צום אויבערשטן, נאך א דיבור, און נאך א משנה, נאך א דיבור פונעם רבי'ן"! דארטן זוכט מען דאך דאס![לא]

*

# "וואו נעמט מען נאך א ליכטעלע"?!

ס'איז א געוואלדיגע תורה דא דארטן פונעם רבי'ן,[לב] דער רבי זאגט "במתים חפשי - מן המצוות", דארטן אז מען קומט אהינצו, לאזט מען איבער אלעם דא! , אלע איבערקומעכטס. נו, "גיי זוך אוצרות"! "גנזיא דמלכא"! מוז ער דאך האבן 'נרות' - א 'ליכט', און פון די מצוות וואס ער האט געטוהן אין דעם עולם האט ער ליכט, ביז ס'לאזן זיך אויס! "אוי, וואו נעמט מען נאך א לעכטעלע"?! "ניין! דאס איז דיינע לעכט וואס דו האט געבראכט אהערצו! מיט דיינע לעכט האסטו געזוכט! ס'קען נישט זיין מען זאל דיר בארגן א לעכט"!

"וואס הייסט בארגן?! דארטן בארגט מען נישט קיין לעכט! ס'האבן זיך געענדיגט דיינע לעכט האט זיך געענדיגט די (זוכענישן)"!

טייטשט דער רבי, "במתים חפשי" - ווערט א חיפוש מן מצוות, פון די מצוות ווערט א זוכונג! די מצוות איז 'נרות', און ביי די נרות זוכט ער! אזוי זאגט דער רבי. "כי נר מצוה" - וואס איז די מצוות? נרות! אבער אז ס'ענדיגט זיך די מצוות, איז אויס!!!

---

[לא] עי' שיחות הר"ן אות כ"ג - "הרחמנות של העולם הזה הכל רואין" וכו'.

[לב] ליקוטי מוהר"ן תו' ער"ה; דַּע שֶׁכָּל מִצְוָה וּמִצְוָה שֶׁעוֹשִׂין, נַעֲשֶׂה מִמֶּנָּה נֵר אֶחָד ... בִּבְחִינַת: "נֵר מִצְוָה" (מִשְׁלֵי ו). וְאֵצֶל אֵלּוּ הַנֵּרוֹת, מְחַפֶּשֶׂת הַנְּשָׁמָה אַחַר הַהִסְתַּלְּקוּת בְּגִנְזַיָּא דְּמַלְכָּא, וְזֶה בְּחִינַת "בַּמֵּתִים חָפְשִׁי" 'כֵּיוָן שֶׁמֵּת אָדָם נַעֲשֶׂה חָפְשִׁי מִן הַמִּצְווֹת' (שַׁבָּת קנא:). 'חָפְשִׁי'. הַיְנוּ בְּחִינַת הַחִפּוּשׂ שֶׁנַּעֲשֶׂה מִן הַמִּצְווֹת, כִּי הַמִּצְווֹת הֵם נֵרוֹת שֶׁעַל־יָדָם הַחִפּוּשׂ כַּנַּ"ל...

ובשיחות הר"ן אות קל"ד; וְהִנֵּה מִזֶּה מוּבָן שֶׁגַּם אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים פְּשׁוּטִים זוֹכִים בָּעוֹלָם הַבָּא לְחַפֵּשׂ בְּגִנְזַיָּא דְּמַלְכָּא, אֲבָל הַחִפּוּשׂ שֶׁלָּהֶם הוּא רַק לְפִי שָׁעָה, כְּפִי הַמִּצְווֹת שֶׁלָּהֶם, וּבְוַדַּאי גַּם זֶה הוּא זְכִיָּה גְּדוֹלָה וְנִפְלָאָה מְאֹד מְאֹד, כִּי אֲפִלּוּ כְּשֶׁמְּחַפֵּשׂ בְּגִנְזַיָּא דְּמַלְכָּא אֵיזֶה שָׁעָה יוּכַל גַּם־כֵּן לִמְצֹא שָׁם אוֹצָרוֹת נִפְלָאִים שֶׁיּוּכַל לִחְיוֹת בָּהֶם חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא לָנֶצַח, אֲבָל חַיָּיו יִהְיֶה רַק כְּפִי מַה שֶּׁיִּמְצָא בְּאוֹתָהּ הַשָּׁעָה. אֲבָל מִי שֶׁזּוֹכֶה שֶׁנֵּרוֹת מִצְווֹתָיו מְאִירִין וְדוֹלְקִין יוֹתֵר וְיוֹתֵר, בְּוַדַּאי יִמְצָא רַב טוּב בְּגִנְזַיָּא דְּמַלְכָּא יוֹתֵר וְיוֹתֵר...

קען מען פארשטיין דארטן ווי אזוי טראכט איך; "רבונו של עולם, איך וויל האבן נאך א לעכטעלע"! און דארטן (צו באקומען) א לעכטעלע איז נישט שייך!

פון צדקה ווערט אויך לעכט! און פון תורה ווערט לעכט! און פון תשובה ווערט לעכט! און פון מעשים טובים ווערט לעכט! פון דיבורים טובים ווערט לעכט! פון יעדע זאך ווערט לעכט!!!

"איך וואלט ווען געקענט געבן נאך געלט! איך וואלט ווען געקענט געבן נאך תהלים! נאך משניות! נאך תורה! איך האב געקענט, געקענט"! - - -

און דער צער וואס מען האט דארטן - אז מען זוכט אין די גנזיא דמלכא (ואין לו כבר נרות, הוא צער גדול מאוד)!

דער רבי זאגט; דער תענוג - איר וועט זיך נישט אויסמאלן דעם תענוג - מען גיבט איהם רשות צו זוכן אין די "גנזיא דמלכא", נאר ער דארף האבן לעכט, און די לעכט האבן זיך געענדיגט, און וואו קען ער האבן נאך א לעכטל?!

דארטן איז נישט שייך צו בארגן, ווייל דארטן בארגט מען נישט!

היוצא לנו, אז מען דארף זעהן צוגרייטן לעכט אסאך! תורה, תפילה, תשובה ומעשים טובים, און צדקה!

אבער דאס איז געווים דא - אז פון 'דברים בטלים', מיט 'געלעכטערס', וועט נישט ווערן קיין לעכט! אדרבה ס'וועט ווערן נאך א חושך...

איי איי איי...

*

# 'כי אתה תשלם לאיש כמעשהו'

ביי יעדעם איינעם ווערט נישט פארפאלן ביי איהם קיין שום זאך! אפילו ער באקומט דארטן גיהנם, מען איז איהם מזכך, אבער דער 'יסוד' וואס ער האט געטוהן דאס בלייבט!

עס ווערט געבראכט, אז אפילו איינער האט געהאט טויזענטער מצוות, אבער ער האט 'איין' עבירה, אויב ער האט אויף די עבירה נישט געטוהן קיין תשובה, איז מען

איהם דן פאר די עבירה! איז די קשיא; נעם אראפ א מצוה פאר די עבירה, וועט ער פאר די עבירה האבן ווינציגער א מצוה!

דער תירוץ איז אזוי; דער מענטש אליין וויל דאס נישט! ער זעהט דעם תענוג וואס ער באקומט פאר די מצוה, וויל ער נישט דערלייגן א מצוה! "איך וועל בעסער ליידן פאר די עבירה אין גיהנם, אז איך זאל האבן תענוג פון די מצוה"! וויל ער נישט דערלייגן קיין מצוה!

א מצוה איז דאך א אייביגע זאך! איז ער מקבל אויף זיך די יסורים פון וואס מען געבט איהם אויף די עבירה - חוץ אז ער האט געטוהן אויף דעם תשובה, תשובה העלפט פאר אלעם - - - ווייל ער זעהט דעם תענוג וואס ער וועט האבן פון די מצוה, וויל ער נישט דערלייגן קיין מצוה![לג]

*

עס שטייט טאקע אזוי פונעם בעל שם הקדוש, "ולך ה' החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו", האט דער בעל שם הק' אזוי געזאגט, איינער למשל א 'קַל' דארטן, אז ער קען האבן עפעס א היזק, וועט ער די מצוה נישט טוהן, אבער איינמאל אז ער האט שוין די מצוה אפגעטוהן - זאל מען איהם געבן א 'כל הון דעלמא' - וועט ער נישט אוועקגעבן די מצוה! ער האט עס שוין אפגעטוהן!

איז "ולך ה' החסד", דער אויבערשטער באצאלט דעם מענטש "כמעשהו", ער באצאלט איהם אזוי ווי ער האט שוין אפגעטוהן די מצוה! נישט אזוי ווי פריער, אז

---

[לג] עי' ליקוטי הלכות, תרומות ומעשרות ג' אות י"ב; ... כִּי בְּוַדַּאי כָּל מַה שֶּׁיַּעֲשֶׂה אֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה בִּשְׁבִיל ה' יִתְבָּרַךְ, אֲפִלּוּ נְקֻדָּה קְטַנָּה בְּעָלְמָא, בְּוַדַּאי לֹא יֹאבַד לֶעָתִיד שׁוּם דָּבָר, אֲפִלּוּ דִּבּוּר אֶחָד בְּתוֹרָה אוֹ תְּפִלָּה אוֹ פְּרוּטָה אַחַת לִצְדָקָה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, וְלֹא דַּי שֶׁזֶּה לֹא יֹאבַד בְּוַדַּאי בְּשׁוּם אֹפֶן אֲפִלּוּ יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה אֲפִלּוּ אִם ח"ו עָבַר עַל כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ כַּמָּה פְּעָמִים אַף-עַל-פִּי-כֵן אֵין הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא מְקַפֵּחַ שְׂכַר כָּל בְּרִיָּה, וְכָל מַה שֶּׁפָּעַל וְעָשָׂה בִּשְׁבִיל ה' יִתְבָּרַךְ דָּבָר גָּדוֹל וְדָבָר קָטָן לֹא יֹאבַד דָּבָר לֶעָתִיד ... אֲפִלּוּ אִם לֹא יִזְכֶּה לִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת, עַל כָּל פָּנִים הַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁיַּעֲשֶׂה לֹא יִהְיֶה נֶאֱבַד כְּלָל ח"ו ...

ער האט עס שוין אפגעטוהן דעמאלטס וועט ער עס שוין נישט אוועקגעבן אפילו פאר א כל הון דעלמא![לד] (כאן חסר קצת).

*

# 'זה ישועתו'

- - - קיין שום זאך ווערט נישט פארלוירן! ס'איז דא אמאל א 'דיבור', וואס עס דאכט זיך אז דער דיבור ווערט נישט געהאלפן, אבער א דיבור ווערט נישט פארלוירן!

על כל פנים, "השי"ת שומע קולו שזה ישועתו" זאגט דער רבי דארטן![לה] "דער אויבערשטער הערט צו זיין קול - דאס איז זיין ישועה"! כאטש ער איז נישט געהאלפן געווארן, "דער אויבערשטער הערט צו זיין קול", וועט איהם דאס שפעטער צוניץ קומען![לו] די דיבורים ווערן נישט פארפאלן.

*

---

[לד] עי' בעל שם טוב עה"ת פרשת נח - עמוד התפלה, אות ל"ד, ובמקור חיים שם; ולך ה' החסד, דהנה האדם קודם עשיית המצוה, לפעמים יבטל עשיית המצוה בשביל דבר מועט, על דרך משל כשהולך להתפלל ובאמצע הדרך מזדמן לו לקנות איזה דבר, והנה הוא שוהה שם עד אחר שיקנהו, הגם שלא ירויח בו אך חצי זהוב, ועל ידי זה לא ישמע קדושה וברכו, ואם כן נראה מזה שהקדושה וברכו אינו שוה אצלו אפילו חצי זהוב, אולם נראה שאם יאבה אחד לקנות אצל הישראל הקדושה וברכו ששמע לא יתרצה למכרו בעד כמה מאות זהובים, אפילו הפחות שבפחותים, וזהו ולך ה' החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו, כאשר יקר המצוה אצלו אחר שכבר עשאה שבוז יבוז אז למכרה בעד כל הון.

[לה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' מ"ו תניינא; ... וַאֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעִמְקֵי הַלֵּב, וַאֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ וּפוֹנֶה לְצַעֲקָתוֹ ... וְעַל־כָּל־פָּנִים הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ, שֶׁזֶּה יְשׁוּעָתוֹ... ועי' שיש"ק ח"ו אות רפ"ט.

[לו] עי' ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ו' אות י"א; ... כִּי אֵין שׁוּם עֵצָה וְתַחְבּוּלָה נֶגֶד כָּל הַצָּרוֹת וְהַהַרְפַּתְקָאוֹת וְדַחֲקוּת וְטִרְדַּת הַפַּרְנָסָה הָעוֹבְרִים עַל כָּל הָאָדָם בְּכָל עֵת וָעֵת, כִּי אִם לִצְעֹק וְלִזְעֹק וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ ... וַאֲפִלּוּ אִם לִפְעָמִים ח"ו לֹא יִתְקַבֵּל תְּפִלָּתוֹ, כִּי זִמְנִין דְּשָׁמַע זִימְנִין דְּלָא שָׁמַע, עַל כָּל פָּנִים הִרְוִיחַ שֶׁקֵּרֵב עַצְמוֹ לַה' יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי זֶה, כִּי אֵין שׁוּם דָּבָר שֶׁיְּקָרֵב וִידַבֵּק אֶת הָאָדָם לַה' יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ הַתְּפִלָּה, שֶׁהִיא עִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל לַה' יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר... ועי' מזה בספר השתפכות הנפש אות ק"ב.

ס'איז אמאל געווען טאקע, "רבי נחמן טולטשינער", היינט איז זיין יארצייט,[לז] ער האט געהאט א זוהן 'ישראל', ר' אברהם'ס א ברודער, 'ישראל בול' ער האט זיך געדארפט שטעלן צו מיליטער, איז ער אוועקגעפארן שטעלן זיך צו מיליטער אין עפעס א אנדער שטאט.

האט איהם רבי נחמן געזאגט; "טאמער וועסטו ווערן באפרייט, זאלסטו מיר נישט מודיע זיין, זאלסטו מיר נישט געבן קיין דעפעש - א טעלעגראם - כדי אזוי וועל איך נאך בעטן"!

זאגט ער; "טאטע, אז איך וועל זיין באפרייט וואס וועסטו בעטן"?! (ענה לו רבי נחמן); "די דיבורים וואס איך וועל בעטן פאר דיר, וועט מען נעמען אויף עפעס אנדערש"!

"אז דו וועסט קומען, וועסטו מיר דעמאלטס זאגן! א 'טעלעגראם' געב מיר נישט, א 'דעפעש' גיב מיר נישט, אזוי וועל איך נאך בעטן"!

"וואס וועט זיין אז דו וועסט בעטן? אז איך בין דאך פריי, וואס וועסטו בעטן"?! – "וועט מען נעמען די דיבורים פאר עפעס אנדערש"! ער פלעגט דאס דערציילן דער ישראל, רבי נחמן האט איהם אזוי געזאגט!

(השואל; ער איז געווען טאקע אין מיליטער?) ניין, ער איז באפרייט געווארן!

"טאטע, אז דו וועסט בעטן, איך בין דאך שוין פריי"?! - "וועט מען נעמען די תפילות פאר עפעס אנדערש"!

קיין שום דיבור ווערט נישט פארפאלן! איך בעט אמאל דעם אויבערשטן אויף א זאך, די זאך איז שוין אפגעטוהן געווארן, איך האב שוין די זאך, נעמט מען די דיבורים אויף עפעס אנדערש![לח]

*

(השואל; ער איז געווען א אדם גדול דער רבי ישראל?) ער איז נישט געווען "רבי אברהם"!

(השואל; ער איז געווען עלטער פון ר' אברהם'ען?) ניין. (השואל; איר האט איהם געקענט?) יא!

---

[לז] נלב"ע כ"ו ניסן תרמ"ד.

[לח] עי' ספר המדות, ערך התבודדות חלק שני - א'; הַשִּׂיחָה שֶׁאָדָם מֵשִׂיחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, הַשִּׂיחָה הַזֹּאת נַעֲשֵׂית אַחַר כָּךְ גְּאֻלָּה וִישׁוּעָה לְבָנָיו.

ער איז גע'הרג'עט געווארן צוזאמען מיט "רבי אלטר טעפליקער",[לט] ער האט זיך אויסבאהאלטן ביי רבי אלטר'ן אין שטוב.

ער איז געווען אן ארימאן (- רבי אלטר), ער (- רבי ישראל) האט געוואוינט אין א שיינע וואוינונג, האט ער זיך באהאלטן ביי רבי אלטר'ן אין שטוב, און רבי אלטר איז גע'הרג'עט געווארן, און ער איז אויך גע'הרג'עט געווארן צוזאמען, ער איז געלעגן אונטערן טיש, האט מען איהם דארטן גע'הרג'עט.

איך האב איהם גוט געקענט, איך האב געקענט זיינע קינדער, זיינע זין, איידעמער, ער איז נישט געווען 'רבי אברהם', ער איז געווען! (ר' נחמן בורשטיין; ער איז געווען א סוחר!) יא, ער איז געווען א סוחר, ער איז געווען א פיינער מענטש געווען!

רבי אברהם פלעגט זיין ביי איהם, ער פלעגט ארייננגיין רעדן מיט איהם, און ער ווייטער האט זייער מכבד געווען רבי אברהם'ען! וויפיל ער איז געווען א אנדערער מענטש, האט ער איהם זייער מכבד געווען!

איך בין געווען אמאל ביי איהם אין שטוב, רבי אברהם איז געווען ביי איהם, בין איך ארייגעגאנגען צו רבי אברהם'ען, איך בין דארט געזעצן, (השואל; אין טעפליק?) יא, אין טעפליק, ער האט געוואוינט נישט ווייט פון רבי אלטר'ן - דער ישראל.

איך בין אריינגעקומען, איז רבי אברהם געזעצן דארטן, און ער האט מיט איהם גערעדט, אז ס'איז אנגעקומען די צייט פון עסן, זעה איך ווי רבי אברהם זאגט צו ישראל'ן, "בעט איהם אויף מיטאג" - ער זאל מיר בעטן אז איך זאל עסן דארטן מיטאג, איך האב נישט געוואלט, ער זיצט - און איך זאל עסן מיט רבי אברהם'ען צוזאמען?! האב איך נישט געוואלט! האט רבי אברהם איהם געזאגט "בעט איהם אויף מיטאג"! האט ער מיך געבעטן, האב איך שוין געגעסן דארטן מיטאג.

ער האט געהאט וואוילע קינדער אויך, זיי פלעגן פארן אויף ראש השנה (לאומאן).

(השואל; ווי אזוי איז רבי אברהם באפרייט געווארן פון מיליטער, מען האט דאך געדארפט נעמען אלע דארטן?) הא, ער איז דאך געווען א קראנקער מענטש!

*

[לט] מחשובי אנ"ש, מח"ס השתפכות הנפש ומשיבת נפש, ועוד.

# 'גזיזי דבררא'

אזעלכע 'אידן' געווען אין דער וועלט! זיי האבן באדארפט עסן גלייך מיט אונז, און זיי האבן געהאט קינדער, און אלעס, און זיי זענען אוועקגעגאנגען 'צדיקים נוראים', 'קדושים וטהורים', אין די אייגענע וועלט זענען זיי געווען!

און פארקערט - דעמאלטס איז א מקוה געווען מסירות נפש! קאלט, קאלט און קאלט! אין שול איז געווען קאלט, אין שטוב איז געווען קאלט, און ס'איז געווען! מען האט נישט געהאט וואס צו עסן, הונגער! און זיי זענען געווען גרויסע ערליכע אידן.

און היינט ברוך השם האבן מיר אלעס, אווארימע מקוה, און ווינטער איז געווען ווארעם די שול, און ס'איז געווען פיין און אלעס! - - -

נו, מען כאפט ארויס נקודות טובות, יא ברוך השם, נקודות טובות! ס'איז גאנץ פיין, "אבער מען קען מאכן בעסער"!

'רבי געצע' האט געזאגט אויף זיך; "איך האב געקענט מאכן בעסער"!... (כנ"ל).

(ר' נחמן בורשטיין; היינט וואלט מען נישט געקענט אויסשטיין די אמאליגע נסיונות) אוודאי נישט! דאס איז ריכטיג, אוודאי ריכטיג, איצטיגע דורות וואלטן בשום אופן נישט געקענט אויסשטיין!

*

איך בין געווען אמאל אין 'אלכסנדראווקע', איך בין געווען דארטן שבת חזון, זונטאג איז געווען 'תשעה באב', שבת חזון בין איך געווען דארט, "נו, גייט מען נישט און מקוה אריין? פרייטאג און שבת אָן א מקוה"?!

(אמרו לי תושבי העיר) "דא?! דא הייצט מען נישט קיין מקוה! מען פארט קיין טשעהרין אין מקוה! אז מ'דארף גיין אין א מקוה, פארן זיי קיין טשעהרין אין מקוה"! "ס'איז אבער א מקוה דא, יא, ס'איז דא א מקוה, א קוואל! אפשר פופציג טרעפ אראפ צו גיין, און דארטן איז דער קוואל אזוי אנגעשטופט מיט אייז, ווער קען דארטן גיין?! מען קען נישט גיין! דא גייט מען נישט אין מקוה"!...

(השואל; 'אב' צייט איז נאך געווען א פראסט?) א מקוה - אזוי טיף אונטן פון פופציג טרעפ - איז נישט שייך זומער אדער ווינטער, קאלט ווי שניי, און נאך א 'קוואל' אויך!

איך האב אריינגעשטעלט די פיס אין מקוה, האט מיר אנגעהויבן קלאפן די ציין, האקן די ציין! איך האב נאר די פיס אריינגעשטעלט, האט מיר אנגעהויבן האקן די ציין, אבער איך בין געגאנגען אין מקוה, איך ווייס נישט ווי אזוי איך בין ארויס!

פרייטאג, און שבת אויך, צוויי טעג בין איך געגאנגען אין מקוה, ווי נאר איך האב אריינגעשטעלט די פיס האט מיר אנגעהויבן האקן די ציין...

אזוי איז געווען דארטן, דאס קען מען נישט אויסמאלן, די קעלט פון אייז איז אפילו נישט אזוי קאלט! א געוואלד, א געוואלד! מיר רעדן וואס ס'איז געווען אמאל, קען מען היינט גיין אין אזא מקוה?!

'אלכסנדראוועקע', דאס איז דעם רבי'נס שטאט![מ] דער רבי איז געווען דארטן אין אלכסנדראוועקע, עס הייסט דארטן 'סאנדעקלעוועקע', ס'איז לעבן טשעהרין, אין טשעהרין איז יא געווען א מקוה!

(השואל; אין מעדוועדיקווע איז געווען?) מעדוועדיקווע איז נאך ווייטער, מעדוועדיוועקע איז געווען ארעם, צובראכן, אבער טשעהרין איז געווען רייך, רייכע בעלי בתים. (השואל; דאס איז לעבן טשעהרין 'אלכסנדראוועקע'?) יא פינעף און דרייסיג קילאמעטער - - -

## פניה אל מע"כ הקוראים החשובים הע"י

בעזהשי"ת אנו מתכוננים לקבץ כל השיחות שי"ל עד הנה, ולסדרם בספר מיוחד, וכבר אנו עומדים תלי"ת באמצע עריכת כרך הראשון שיוכלל בתוכו שלשים שיחות מסודרים משנת תשל"ד בעזהשי"ת.

וכמובן שזה עולה המון הוצאות, **והננו מציעים לפני הציבור הרחב ההזדמנות לקנות זכותים נצחיים,** כגון הוצאות שיחה אחת או חלק מהם וכדומה, ושכרו יוכפל מן השמים עד בלי די, בזכות הצדיק האמת הנחל הנובע מקור החכמה, אשר מימיו הנאמנים נדלים ונשקים בשיחות היקרות האלו לרוות לב הצמאים לדבר ה'.

לפרטים יש לפנות לר' יוסף מענדל האס 1-845-200-0443 (מארה"ק; 072-257-3456)

[מ] רביז"ל היה גר סמוך לשם בימי נעוריו, בהיותו סמוך על שולחן חותנו, עי' כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"ו [ב'].